**קונטרס מוגדל**
**לכבוד ראש השנה**

בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

**שיחות התחזקות בעבודת השם**
**ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע**
**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**
**מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים**

**~ אידיש ~**

קונטרס כ"א, ראש השנה תשע"ט

# תוכן השיעור

'וישמעו רחוקים ויבואו'
'חזי במאי ברא קאתינא גבך'
'ימין מקרבת'
'המאור שבה יחזירו למוטב'
'אני נהר המטהר מכל הכתמים'
התקרבות ר' לוי יצחק ז"ל - הישיבה ב'מאקאווע
הנסיעה; ווארשע - לובלין - קאווע - פולנאה
שבת בבארדיטשוב - קאזאטין
'אומאן'!!!...
'כולם נקבצו באו לך'
'אבידה שאינה חוזרת'...
'אור לו בציון'
"דער רבי איז א טוב עין"...
'למען ירבו ימיכם - על האדמה'...
"דופיט אויף מיין כח"!...
"דאס איז מלא רחמים"!...
'שערי דמעות'
'גדולה שימושה יותר מלימודה'!...
"עס וועט נאך קומען א צייט..."
'כולא במחשבה איתבררו'
'שוקדים בצום ליבם להכניע'

להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

(ארה"ב; **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את מס' הנ"ל)

לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 21

©
כל הזכויות שמורות

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;
יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443** (מארה"ק; **072-257-3456**)

כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל כדי להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלויה בו

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;
**Rlyb148@gmail.com**

מופץ ע"י ברסלב גלובל **Info@Breslevglobal.com**

# נצבים שנת תשל"ד

**ובו תיאור מראש השנה הראשון שנכח ר' לוי יצחק ז"ל באומאן, שנת תרע"ה.**

(טייפ מס' 49)

## 'וישמעו רחוקים ויבואו'

(בשיחה בענין המשכילים מאומאן שנתקרבו ליהדות בהשפעת רביז"ל)[א] - - - דער רבי האט געהייסן רבי נתן'ען, אז ווען ער קומט קיין אומאן זאל ער רעדן מיט "הירש בער'ן", און רבי נפתלי - האט דער רבי געהייסן - רעדן מיט'ן אנדערן (- לאנדוי), א דאקטער, אבער מיט הירש בער'ן נישט!

האט רבי נתן געמוזט פאלגן דעם רבי'ן, ווען ער איז געקומען קיין אומאן האט ער געמוזט אריינגיין צו הירש בער'ן רעדן מיט איהם. ער איז דאך געווען א געוואלדיגער (חוקר), כאטש ער האט געהאט הרהורי תשובה דורכ'ן רבי'ן, אבער די חקירה גייט נישט ארוים.

אזוי ווייט - איך האב שוין אמאל געוואלט רעדן דערפון, אז פאר די תקיעות - ביי אונז לויפט מען און מ'מאכט קידוש, ס'טוהט זיך אפ מיט א קידוש... דער הירש בער וואס איז געווען אזוי ווייט פונעם אויבערשטן, איך האב געהערט פון רבי אברהם ר' נחמנ'ס, אז די דינסט איז געקומען צו איהם אז ער זאל גיין טרינקען טיי, האט ער געזאגט; "פאר די תקיעות וועט ער נישט טרינקען קיין טיי"! ער האט נישט געוואלט גיין טרינקען קיין טיי פאר די תקיעות - דער הירש בער![ב]

זעהען מיר דאך ארוים, אז ער האט שוין געהאט אין זיך א נקודה (של אמונה), ער האט שוין געוואוסט! לערנען האט ער געווים געקענט.

---

[א] בענין התקרבות המחקרים האלו לרביז"ל, עי' בארוכה בספר כוכבי אור סיפורים נפלאים, עיי"ש. ועי' גם חיי מוהר"ן אות ר"ח, ר"ט, ועוד.

[ב] עי' מטה אפרים סי' תקפ"ח ס"ק ב'.

ער האט געזאגט "איך האב שוין לאנג געשוואוירן, איך זאל נישט דערמאנען דעם אויבערשטנ'ס נאמען" - האט ער געזאגט - "אבער ווען ער קומט אריין צום רבי'ן, רייסט מען מיר (- ביי די פאלעס); 'הירש בער' ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט"!! רחמנא ליצלן א מענטש זאל האלטן ביי אזא מין - - -

רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט געזאגט; וואס הייסט 'געשוואוירן'?! וואס הייסט 'געשוואוירן' ער זאל נישט דערמאנען דעם אויבערשטנס נאמען?! נאר די מחקרים הייבן אן גיין מיט א חקירה, ס'קען אוועק גיין ביי זיי יארן וואס די חקירה דרייעט זיך זיי, דרייעט זיך! נאכדעם דארטן, קומט איהם אוים (שבאים לידי כפירה) רח"ל. נאכדעם דרייעט זיך אויף צוריק, צו-ווארפט איהם עס אינגאנצן זיינע חקירות, ס'ווערט איהם ווייטער ביטער, און אזוי גייט ער ווייטער אן. האט ער געשוואוירן אז ער זאל נישט צולאזן א אנדערע געדאנק רח"ל, אז ס'קומט איהם אוים א חקירה פון אפיקורסות זאל ער נישט צולאזן קיין אנדערע חרטה - גארנישט, האט ער 'געשוואוירן' רח"ל! אזוי (ווייט) האט ער געהאלטן.[ג]

ער איז אריינגעקומען צום רבי'ן, דער רבי האט גארנישט מיט איהם גערעדט קיין תורה, ווען ער פלעגט אריינקומען צום רבי'ן האט דער רבי גארנישט - (גערעדט מיט איהם קיין תורה).

*

דער רבי האט אמאל א זאג געגעבן צו רבי נתן'ען; "דערצייל איהם אמאל א מעשה פונעם בעל שם"! איז רבי נתן אויך געווען - - (ער האט) נישט פארשטאנען פארוואס דער רבי הייסט דערציילן א מעשה פון בעל שם - ווּעמען דערציילן?! (לאדם רחוק כל כך מה יועיל לו, הלוא אין לו אמונה), האט זיך אנגערופן דער רבי צו רבי נתן'ען; "וואס מיינסטו - מיין איך?! ספרו בגוים כבודו"! האט דער רבי דאך געהאלטן ביי וואס זיי זענען - ספרו 'בגוים' כבודו!

(השואל; וואס האט דער רבי געמיינט אז א מעשה מעג ער יא דערציילן?) אזוי האב איך געהערט פון רבי אברהם'ען! קיין תורה האט דער רבי קיינמאל נישט (געזאגט פאר זיי), ביז דעם ערב ראש השנה (האחרון), ראש השנה האבן זיי געהערט די תורה פון

[ג] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' רע"ד.

תקעו תוכחה פונעם רבי'ן, און רבי נתן האט זיי איבערגעפרעגט! אסאך זאכן וואס ער האט איבערגעפרעגט ביי הירש בער'ן, ער האט איהם דערמאנט, ער האט בעסער געהערט, ער איז געשטאנען לעבן רבי'ן, און איהם האט מען דאך נישט געשטופט, פאר איהם האט מען דאך געהאט דרך ארץ (כי היה מקורב למלכות).

ער איז געשטאנען ביי די תורה פון תקעו תוכחה לעבן רבי'ן, און רבי נתן איז אויך געשטאנען, אבער איהם האט מען געשטופט, רבי נתן האט נישט געקוקט - נאר אויף די 'אויערן'! מען האט איהם געשטופט, געווארפן און געווארפן - נאר די 'אויערן' זאלן זיין ביים רבי'ן!

אבער פאר איהם (- הירש בער) האט מען געהאט דרך ארץ, איהם האט מען נישט געווארפן, איז געווען אסאך זאכן וואס רבי נתן האט נישט געהערט, און האט איהם איבערגעפרעגט, און ער האט געהאט א גוטן גדאנק (- זכרון).

*

(רבי נחמן בורשטיין; אין ימי מוהרנ"ת שטייט דארט 'ר"ד' - טאקע ביי די תורה - אז רבי נתן האט איבערגערעדט מיט 'ר"ד'!)[ד], איך וויים נישט, אפשר מיינט טאקע דוב 'בער' - איך וויים נישט! דאס האב איך געהערט - אז ס'איז געווען ערטער וואס רבי נתן האט איהם איבער געפרעגט ווערטער וואס ער האט געהערט.

רבי נתן האט דאך ממילא איבערגעוויזן דעם רבי'ן (כתב ידו של העתקת התורה), דער רבי האט איהם דאך איבערגעקוקט.

ער איז דאך געווען אזוי ווייט, דאס איז דאך אזא מין 'אבן נגף', אזא מין 'אפיקורסות', ס'גייט אוועק יארן יארן (והאפיקורסות עדיין מונח בלבו).

*

אז דער רבי איז נסתלק געווארן, האט ער געזאגט פאר רבי נתן'ען; "רבי נתן אייך פעלט דער רבי?! אונז פעלט דער רבי! ווען דער רבי זאל זיין, וואלטן מיר געווארן [אמת'ע בעלי תשובה]"! געוואלדיג, 'אונז פעלט דער רבי'!

נו, און דער רבי האט פאר זיי קיין תורה נישט געזאגט! נאר וואס דען? ווייזט אויס, דער רבי האט זיי אריינגעגעבן אז זיי האבן געפילט אזא מין אהבה פונעם

---

[ד] חלק א' אות נ"ג.

רבי'ן צו זיי, אז דער אויבערשטער וויל זיי נאך! און דער אויבערשטער איז זיי נישט מייאש! דער אויבערשטער איז זיי נישט מדחה פון זיך! און זיי האבן דאך געוואוסט ווער זיי זענען, דאס אליין האט אריינגעבראכט אין זיי א געוואלדיגע זאך!

* * *

# 'חזי במאי ברא קאתינא גבך'

רבי נתן האט מקרב געווען צוויי אזעלכע מענטשן צום אויבערשטן, האט ער געזאגט; אז ער וועט זיך באריהמען פאר'ן כסא הכבוד, אז ער האט געבראכט די צוויי מענטשן פאר'ן אויבערשטן!

איינער איז געווען, דער וואס איז געקומען מיט די טינט אויף די הענט, ער האט געשריבן אום שבת (מסופר להלן).

דער אנדערער איז געווען, וואס רבי נתן איז אמאל געווען ביים זוהן (ר' יצחק) - אין טולטשין ביי זיין זוהן, און דעמאלטס איז אנגעקומען עפעס איינער פון די אפיקורסים, פון די משכילים, ער איז אנגעקומען - ער האט געוואלט פארן קיין בערלין דארטן, שטודירן דארטן, 'קונה שלימות זיין' דארטן... און רבי יצחק האט געהאלטן די פאסט (מנהל הבי-דואר), האט ער געהאלטן די פאסט פון פערד אויך, אמאל איז דאך נישט געווען קיין באהנען, האט מען באדארפט דארטן האבן געשטעלט פערד - האלטן דארטן א שטאל פון פערד, צוגרייטן - אויסגערוהט די פערד מען זאל קענען פארן, אזוי איז געווען.

ער איז אנגעקומען צו רבי יצחק דארטן, ער זאל צוגרייטן פערד ער זאל קענען פארן דארטן ווייטער, נו, אז ער איז אנגעקומען צו רבי יצחק, איז רבי נתן געזעצן אין שטוב, פרעגט ער רבי יצחק; "ווער איז דער איד"? (- על מוהרנ"ת), ענטפערט איהם רבי יצחק; "דאס איז מיין טאטע"! (פרעגט ער); "קען מען מיט איהם עפעס רעדן"? זאגט ער; "דו קענסט מיט איהם רעדן! דו קענסט מיט איהם רעדן"!

נו, האט ער אנגעהויבן צו רעדן מיט רבי נתן'ען, רבי נתן האט מיט איהם אזוי גערעדט, אז ער האט שוין געזאגט - "אז ער זאל שוין קיין פערד נישט צוגרייטן", און ער איז שוין קיין בערלין נישט געפארן! רבי נתן האט איהם מקרב געווען צום

אויבערשטן - "אז ער וועט זיך באריהמען פארן כסא הכבוד, אז ער האט געבראכט אזא מענטשן צום אויבערשטן"!

נו פארשטייט מען דאך, אז דאס איז געווען דער 'מצח הנחש'[ה] - איז געווען דער מענטש רח"ל, איז דאס איז אויך מיט דעם גאנג אלס, אז אחוץ וואס רבי נתן איז געווען זייער א 'חכם דקדושה' אינעם רעדן אליין - ער דארף דאך איהם געוואלדיג מדחה זיין, און ווייזן אז זיינס (שיטת הכפירה שלו) איז גארנישט, אבער פונדעסטוועגן ליגט אזא מין מין 'אהבה' ליגט דערינען, אזא מין אהבה, אזא מין 'התקרבות' ליגט אין דער זאך, ער ווייזט איהם מיט איין זייט - ווייזט ער איהם - ער איז איהם דוחה זיין אפיקורסות, און מיט די אנדערע האנט איז ער איהם שוין מקרב, און דער מענטש פילט אז דאס איז זיינער א גוטע פריינט!!

*

(השואל: ווער איז געווען דער צווייטער?) און איינער איז געווען וואס פלעגט קומען צו רבי נתן'ען צו 'מוסף', ער האט געשריבן שבת דארטן, אין - (היה פקיד בעיריה), ער איז אריינגעקומען האט ער געהויבן די הענט ביי כתר, איז די הענט געווען פול מיט טינט...

(השואל: פארוואס איז ער געקומען דווקא צו אונז דאווענען?) ווייל א אנדערער האט איהם נישט אריינגעלאזט, מען האט איהם ארויסגעטריבן פון א אנדערע שוהל, און דא האט מען אויך געוואלט ארויסטרייבן, (אנ"ש אמרו למוהרנ"ת): "רבי נתן, ער איז דאך אן עזות פנים! וואס הייבט ער אויף די הענט? ווייזן אז ער שרייבט אום שבת?! וואס דארף ער נאך הייבן די הענט"?! (ואמר מוהרנ"ת): "טשעפעט איהם נישט"! טשעפעט איהם נישט!

*

# 'ימין מקרבת'

דאס אייגענע איז געווען ביי משה צדוק'ס[ו] - איז אויך געווען די דאזיגע, אין אן אנדערע שוהל האט מען איהם נישט אריינגעלאזט, מען האט איהם אנגעבראכן די

[ה] עפ"י ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ד', עיי"ש.

[ו] עי' שיש"ק ד' תקס"א, ושם ה' רנ"ג.

ביינער, ער איז געגאנגען מיט זיי דארטן - מיט די רוצחים צוזאמען, איך ווייס נישט צו ער האט גע'הרג'עט אידן, אבער ער איז געגאנגען צוזאמען מיט זיי - איז ער געגאנגען.

און נאכדעם ווען די פאטער איז געשטארבן, האט מען אין קיין שום שוהל נישט אריינגעלאזט, 'צדוק' - א בעל עגלה, א וואוילע איד'לע, אז דער פאטער איז געשטארבן איז ער (בנו משה) אריינגעקומען זאגן קדיש צו אונז, אין קיין שום שוהל האט מען איהם נישט אריינגעלאזט, אבער דא - דא האבן מיר בקבלה אז מען קומט אריין דארף מען איהם נישט ארויסטרייבן!

ער פלעגט אריינקומען זאגן קדיש, און תפילין האט ער נישט געלייגט, איז צוגעגאנגען יענקל זיטאמער און האט איהם געזאגט; "משה ביזט שוין דא - טוה אן תפילין אויך"! האט ער אנגעטוהן תפילין.

ער האט אנגעטוהן תפילין. און צוביסלעך, צוביסלעך, צוביסלעך, ביז מען האט איהם אנגעהויבן מקרב זיין.

דער משה פלעגט ארויפגיין צום רבי'ן אויפ'ן ציון, נישט קיין גוזמא צו זאגן; דער גאנצער ציון איז געווארן אויסגעגאסן מיט טרערן!! ער האט באקומען געשוואלענע אויגן! אלע טאג ארויף צום ציון, זיך אויסגעוויינט, זיך אויסגעגאסן דאס הארץ!

(אנ"ש אמרו) - - וואס זאלן מיר רעדן דא?! אז דער רבי פּאָרעט זיך מיט איהם - וואס האבן מיר וואס צו רעדן?! וואס האבן מיר וואס צו רעדן?!!

אבער פונדעסטוועגן, ער איז דאך געווען - אויפגעפירט זיך - עבירות, האבן א שייכות מיט רוצחים - געהאט א שייכות, דאס איז א אנדערע זאך! דער רבי ברענגט דאך אראפ אין די מעשה דארטן פון דער "חיגר" - דארטן די 'גזלן' - (שנתנו לו תיקון לנפשו, וכן כאן חששו אנ"ש על תיקון נפשו), אבער מיר זענען דאך נישט געווען קיין בית-דין מיר זאלן פסק'ענען.

אבער נאכדעם האט זיך אין אומאן אויסגעלאזט די מקוה - אז מען האט צוגענומען ביי אונז די שוהל (הקאמוניסטן ימ"ש), איז נישט געווען קיין מקוה אויך, איז נישט געווען קיין מקוה טהרה אין שטאט! קיין מקוה איז נישט דא - - [ביי היטלער איז ער גע'הרג'עט געווארן, אבער פון צ"ו צ"ז צ"ח צ"ט - די פאר יאר, ביז

היטלער איז אריינגעקומען] - - האבן מיר איהם געזאגט; "משה דו ווייסט דאך, דו דארפסט דאך פארעכטן עפעס א זאך, מאך א מקוה"! "מאך א מקוה" - זאג איך - "וועט פונקט זיין דער היפוך, ס'וועט געבוירן ווערן אידן צום אויבערשטן"! (תשובת המשקל על רציחת נפשות).

און דעמאלטס מאכן א מקוה איז געווען "מסירת נפש ממש", מסירת נפש ממש! און וואו ער האט געוואוינט האט מען נישט געקענט - נאר מאכן א "קוואל", מען האט נישט געקענט ווארטן אויף קיין רעגן וואסער, ווייל ווי מאכט מען רעגן? זיי קענען דאך וויסן! אינדרויסן, זיי קענען דאך זעהן רינער'ס (מרזבים) צו מאכן א 'המשכה', קען מען דאך באלד געוואויר ווערן!

האט מען געגראבן אין די שטאל, (ער איז געווען) א בעל עגלה מיט פערד, האט מען דארטן געגראבן, ביז מען האט 'דעביוועט' א קוואל, אפשר פופציג טרעפ אראפ צו גיין טיף - איז געווען, א קוואל איז דאך ממילא קאלט, אין דער זומער איז דער קוואל קאלט, און מען האט נישט געקענט הייצן, וויאזוי זאל מען הייצן? אז מען וועט הייצן וועט מען זעהן א רויעך, קען מען באלד געוואויר ווערן! איז מען געגאנגען אין די קאלטע מקוה!!!

און אמאל - ברוך (געצ"ם) האט דאך אלץ געקענט... האט ער געמאכט אונטן עפעס הייצונג, איז געווען פול מיט רויעך, מען האט געקענט דערשטיקט ווערן, דער רויעך קומט נישט ארויס, איך ווייס - אפשר נאך ערגער געווען ווי די קעלט!

הכלל, האט ער געראטעוועט די שטאט יארן, יארן! אונז האט ער נישט געלאזט גיין, מיר האבן ממילא נישט געוואלט גיין, מיר האבן דאך מורא געהאט, איז מען געגאנגען אין טייך, פונדעסטוועגן האט מען זיך אריינגעכאפט אמאל אין די מקוה - - די מקוה איז געווען פאר די גאנצע שטאט!

(השואל: קיינער האט נישט גע'מסר'ט?) מען האט יא גע'מסר'ט, מען האט איהם גע'מסר'ט, בשעת מען איז נישט געגאנגען איז די מקוה געווען פארדעקט, און די פערד שטייען - ס'איז געשטאנען פערד אויפ'ן מקוה, א בעל עגלה - פערד מיט א וואגן...

מען האט גע'מסר'ט, מען איז אריינגעקומען, האט מען געזאגט "מען האט געזעהן פערד מיט א וואגן"...

מען האט נישט געפאקט, מען האט איהם גע'מסר'ט און מען האט איהם נישט געפאקט.

און די שטוב איז געווארן א שטוב פון כשרות און טהרת המשפחה, אזעלכע לאנגע פיאות האט ער געהאט - משה, אזוי ווי א 'רבי' האט ער אויסגעזעהן.

די שטאט האט געלאכט פון אונז (בתחלת התקרבותו); "די ברסלב'ער נעמען אזא מין מענטש, און מען איז מקרב"! מ'רעדט דאך אבער וואס איז געווען אונזער זאך, ס'איז געווען די רצון השי"ת אז מען זאל דעם מענטשן 'נישט' מרחק זיין!!!

דורך איהם איז נשתלשל געווארן - יארן יארן דורך איהם געווען א מקוה!

ער האט נישט גענומען קיין געלט דערפאר, אדרבה - פאר איהם געווען א כבוד, ער האט די זכיה "געמאכט א מקוה"!

*

# 'המאור שבה יחזירו למוטב'

(השואל; משוגעים וואס שטערן טאר מען נישט מרחק זיין?!) משוגעים? ס'איז פארהאן אסאך סארטן משוגעים! דער רבי זאגט דאך אין די ערשטע תורה "מקלות ושמות", רעדט דער פרפראות לחכמה (ביאור על ליקו"מ מהרב ד'טשעהרין ז"ל) אז א משוגע'נער דארף מען געבן מיט 'שטעקענעס', און א משוגע'נער דארף מען געבן 'רפואות', זאגט דער רבי; אז די תורה האט אין זיךביידע כוחות - אי 'מקלות', אי 'שמות'!

נו איז אזוי, מיר ווייסן נישט פון קיין 'מקלות' - ווייסן מיר נישט, נאר די תורה אליין טוהט שוין ביידע פעולות, די תורה טוהט שוין די אלע פעולות!

איינער א 'בעל עבירה', דארף מען איהם געבן א 'שטעקן' - גיבט די תורה א 'שטעקן'! - די תורה גיבט אמאל א קלאפ אויך - די תורה! און זי גיבט איהם אויך די 'שמות', די תורה האט ביידע כוחות - אי 'מקלות', אי 'שמות'.

"וכמו שהמשוגעים צריכין להכותם ולשום עליהם שמות" - זאגט דער פרפראות - ס'איז דא צוויי ערליי משוגעים, איינעם דארף מען גיבן קלעפ, איינעם

געבן שמות, "כמו כן ממש התורה שעוסקים הוא בחינות מקלות ושמות", די תורה האט אין זיך בײדע כוחות.

בײ יעדעם אײנעם איז אזוי, דער כח פון די תורה איז אזוי פיל גרויס, אז זי דערלאנגט וואו מען דארף דערלאנגען, און זי גיבט שמות אויך!

בײ יעדעם אײנעם איז אזוי, יעדער אײנער דארף דאך האבן בײדע זאכן, מען דארף האבן 'התחזקות' און מען דארף 'התעוררות', די תורה הקדושה גיבט שוין ארויס - וואו מען דארף גיבן א שטעקן גיבט זי א 'שטעקן', זי איז איהם מעורר, ווער ער איז - "זעה, דערקען דיך"! און - זי גיבט איהם 'שמות'!

שמות איז שוין א קמיע - שמות, א געוואלד, א געוואלד, א געוואלד!

*

רבי אברהם פלעגט עסן בײ איהם - בײ דעם משה (צדוק'ס), ס'איז געווען א הונגער, ס'איז נישט געווען וואס צו עסן, ער האט אלעמען געגעבן עסן - אונזערע לײט! ער איז געווען א בעל עגלה, האט ער פארדינט, האט ער געהאט, פלעגט מען אוועקגײן צו איהם עסן![1]

מ'איז געגאנגען אויפ'ן ציון, ער האט געוואוינט אונטען וואו מען גײט צום קלויז, ער האט געוואוינט אין טאל, דארטן האט ער געוואוינט, פלעגט מען ארײנגײן צו איהם, און ער האט געגיבן צו אָפּעֶסן, א גאנץ יאר.

רבי אברהם איז געגאנגען אויפ'ן ציון, ער האט נישט געהאט וואו צו עסן, איז ער ארײנגעגאנגען צו איהם, און געגעבן איהם אפעסן, ער האט געהאט מיטן מאגן שטארק (חולי מעיים).

אלעמען געגעבן עסן - אלע זאכן האט ער געטוהן, נאר דער עיקר; ער האט געמאכט א מקוה! (כנ"ל), א קלײניגקײט?!

באמת - ער איז באמת געווען א בעל תשובה! א ריכטיגער בעל תשובה! דארטן למעלה איז דאך נישט אונזער עסק - דא אין דעם עולם איז ער געווען א ריכטיגער בעל תשובה!

[1] עי' שיש"ק ה' רנ"ג.

מען קען נישט אויסמאלן - דער מענטש איז געגאנגען ווי א רבי האט ער אויסגעזעהן, אזעלכע לאנגע פיאות, און א אויסגעוויינטע פנים, אויסגעווייינט פון די טרערן, און אזא גוטער מענטש געווען בטבע, מיט יעדעם איינעם געווען גוט, און ער האט מפקיר געווען אינגאנצן זיין פארמעגנס - הכנסות אורחים און אלעס, און א מקוה און אלדינגס, פרומע קינדערלעך מיט פיאות'לעך, און געלערנט, געווען א שטוב - פון די שענסטע אינגעלייט! נאר בכח פונעם רבי'ן, בכח פונעם רבי'ן קען דאס זיין! אנדערע האבן איהם ארויס געווארפן פון שוהל - פריער...

*

# 'אני נהר המטהר מכל הכתמים'

דער רבי זאגט דאך אין די תורה פון וביום הביכורים:[ח] 'הסתרה שבתוך הסתרה' - א מענטש, ער ווייסט אינגאנצן נישט אז ער האט געזינדיגט, אז ער ווייסט איז 'עבר ושנה נעשה לו כהיתר' - ער געדענקט אז ס'איז געווען אמאל א איסור און ס'איז געווארן כהיתר, דאס הייסט נאך 'איין הסתרה', נאכדעם אז ער איז נאך כופל ומשלש נאך נאך און נאך, ווערט ביי איהם אלס 'דומה כמישור' - פארגעסט ער גאר אז ס'איז געווען אמאל א איסור אויך, די 'הסתרה אליין' איז 'נסתר'!

און וויאזוי קען מען זיי מוכיח זיין? ווי קען מען איהם מוכיח זיין? זאגט דער רבי דארטן אז די תורה האט א כח, די תורה איז 'מכרזת' - די תורה אליין שרייעט אויס "עד מתי פתיים תאהבו פתי"! קומט איהם אן הרהורי תשובה, קומט איהם אן הרהורי תשובה!

זעהט מען אלס דעם כח פונעם צדיק! דעם גאנצן שמועס פון דער תורה פונעם רבי'ן, דאס איז אלס דאך התחזקות פונעם רבי'ן - וואס דער רבי רעדט אלס! וואס אפילו ביי א 'הסתרה שבתוך הסתרה', איז עס דאך אזא מין כח - דער צדיק איז אזוי ווייט - - -

*

---

[ח] עי' תו' נ"ו אות ג'.

נאך איז געווען דארטן - ער (משה צדוקים) איז געווען א ידועדיגע - אבער ס'איז נאך מענטשן געווען וואס זענען מקורב געווארן צו אונז, וואס זענען ממש געווען א געוואלד, א געוואלד! כל עבירות שבעולם האבן זיי געטוהן - כל עבירות שבעולם!

און דער עיקר איז געווען דעם רבי'נס ציון! דאס פלעגן זיי זאגן; "ביים רבי'ן - דאס וואשט אויס"!!! ס'איז עפעס אזא מין - א 'שוויץ', ווייסט וואס ס'מיינט א שוויץ? א 'שוויץ באד', מען פּאַרעט זיך אוים - מיט פּאַרע! דעם רבי'נס ציון דאס איז אזא מין שוויץ - אז ס'ווייקט אוים אלע אברים הפנימיים! ס'ווייקט אוים, און ס'וואשט אוים!! מען האט עם ארוים געזעהן בחוש, מען גייט אריין צום רבי'ן אויפן ציון - - -

* * *

# התקרבות ר' לוי יצחק ז"ל - הישיבה ב'מאקאווע

איך בין געווען דער ערשטער ראש השנה מיינער - תרע"ה, איך בין געקומען תרע"ד, איך בין געקומען אלול - אינמיטן אלול, יום כיפור קטן האב איך געזאגט אין פולנאה, יום כיפור קטן ערב ראש חודש אלול אין פולנאה, און שבת דערנאך האב איך געהאלטן אין בארדיטשוב, ס'איז געווען אנהייב אלול.

איך בין אויך נישט געווען קיין - אזא גרויסע חסיד פריער, ס'איז דא איינער - ער ווערט מקורב מיט א גרויסן ברען, איך בין נישט געווען קיין גרויסער חסיד.

"איציק'ל אטוואצק'ער" - ער איז געקומען אין ישיבה אלס תלמיד לערנען, און ער איז געווען אין אומאן איינמאל פורים, ער איז ראש השנה נישט געווען, ער איז געווען פורים אין אומאן, (השואל: תרע"ד?) יא, תרע"ד.

און ער איז געווען - דעם זומער איז ער געקומען אין ישיבה אריין, ער איז געקומען - א קליין אינגעלע, אלט געווען זעכצן יאר - א אינגעלע, א יפה תואר, א יפה מראה איז געווען דאס פנים זיינס, און אז ער האט געדאווענט האט מען געזעהן דאס אינגל שיינט ביים דאווענען!

דער משגיח איז געווען א גדול - ער ליגט דא אין ארץ ישראל דער משגיח - אלע האבן געהאט פאר איהם התפעלות! (מר' איציק'ל), א אינגעלע א קאפ, א בעל מח,

מיט א למדן, א קינד פון זעבצן יאר, ער איז געווען יונגער פון מיר, און א חסיד - א ברסלב׳ער חסיד!

און ער האט דער גאנצער ישיבה מקרב געווען! דער גאנצער ישיבה האט ער מקרב געווען! ישראל כהן עליו השלום - אלע האט ער מקרב געווען!

דעם זומער איז געווארן די מלחמה, די גרויסע וועלטס קריג, תרע״ד, [די פערצנטע יאר (למספרם)], ממילא איז זיך צולאפן זיך - ס׳איז געווארן אוים ישיבה, ווייטער האט ער די גאנצע ישיבה מקרב געווען צו אונז - דאס אינגעלע!

(השואל; קומט אוים אז ער האט רבי אברהם ב״ר נחמן גארנישט געזעהן?) ניין, ער האט איהם נישט געזעהן! ער איז געווען נאר פורים. קען זיין אפשר - אז ווען רבי אברהם פלעגט קומען (מארץ ישראל דרך פוילן), פלעגט ער זיין אין לאדזש - אין ווארשע, ער (איציק׳ל) איז געווען א לאדזש׳ער, אפשר האט ער איהם דארטן געקענט. (אחד מהנוכחים; יא, ער זאגט יצחק מענדל, אז דורך רבי אברהם איז ער מקורב געווארן אין לאדזש, זיין ברודער האט איהם געשלעפט צו רבי אברהם).

בין איך גארנישט געווען אזא מקורב, ביי מיר איז נאכנישט געווען דאס התקרבות אזוי גרוים, א ׳אינגעלע׳ האט מיר מקרב געווען - שוין.

*

אז ס׳איז געווארן די מלחמה, האבן מיר ביידע געוואלט פארן קיין אומאן - איך מיט איהם, די מלחמה איז שוין געווען, ווער האט געקענט פארן?!

ז׳ אב איז געווארן די מלחמה, רבי אברהם איז אנגעקומען מיט די שיף, און דער קארדונער (ר׳ ישראל קארדונער ז״ל) איז אוועקגעפארן! דער קארדונער איז געווען דעם זומער אין אומאן, איז ער אוועקגעפארן מיטן לעצטן שיף, און רבי אברהם איז אנגעקומען פון ארץ ישראל! דאס איז געווען - ער איז אוועקגעפארן, און ער איז אנגעקומען!

אז איינער דארף ווערן מקורב, און ער האט דאך נישט אזא מין גרויסע התעוררות - - - איז געקומען זיין טאטע; ניין! ער האט איהם נישט געלאזט פארן קיין אומאן! בין איך אליין געפארן! (השואל; וואס האט אייך געברענט בכלל?) איך וויים אליין נישט וואס!

*

# הנסיעה; ווארשע - לובלין - קאווע - פולנאה

ווען איך בין געקומען קיין ווארשע (בדרכו לאומאן), בין איך געווארן אזוי נישט געזונט אין ווארשע, איך האב נישט געקענט גיין, איך האב מיך אוועקגעלייגט אויף דער ערד, אלעם האט מיר אינעווייניג געברענט - אינעווייניג, און דא וואוינט מיינער א ברודער א גרויסער עושר, און איך בין אזוי נישט געזונט, (אויב וועל איך אריינגיין צום ברודער וועל איך נישט קענען פארן, ער וועט מיך שוין נישט לאזן פארן!

בין איך אריינגעגאנגען צו יענק'ל כהן'ס (ר' יעקב זאב ברזסקי) טאטע, איך בין אריינגעגאנגען צו איהם אין שטוב אריין. (השואל: אין ווארשע האט ער געוואוינט?) אין ווארשע האט ער געוואוינט - יא, יצחק גרשון (ברזסקי)!

- איך דריי זיך ארום און איך בין נישט געזונט, טראכט איך; וואס טוה איהם דא? וואו פאר איך?! גיי אריין צום ברודער, די שוועסטער, ברודער אלע זענען געוועזן גבירים!

אבער דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט אויף מיר, איך בין צוגעגאגען צו די באהן - איז געווען צענדליגער טויזענטער מענטשן האבן געווארט אויף א באהן, די באהן איז געווען פול מיט מיליטער, מען האט נישט געקענט פארן! אז ס'איז אנגעקומען א באהן איז מען געליגן אויף די דעכער - מענטשן זענען געווען פול אויף די דעכער!

און וואו האט מען געקענט גאר פארן? ווער האט געקענט פארן דעמאלטס?! נאר מענטשן האבן געדארפט פארן אהיים - צו די פאמיליעס! אבער איך זאל אוועקפארן קיין אומאן דעמאלטס? מען קען נישט! און איך בין דאך נישט געזונט אויך!

האב איך געזעהן מענטש נעמען דארטן די - אזא מין קליינע באהן, מען פארט אוועק ווייטער קיין אטוואצק, און דארטן קומט אן די באהן פון ווארשע, און דארט כאפט מען זיך ארויף! האב איך אזוי געטוהן, אויך געפארן קיין אטוואצק, איך בין

געקומען קיין אטוואצק, איז אנגעקומען דער באהן פון ווארשע, די באהן וואס גייט קיין לובלין, ווארשע - לובלין.

דער באהן גיבט א קום אן, האט מען אפילו קיין טיר נישט געעפענט, אויבן די דאך איז געווען פול מיט מענטשן - די דאך, און די באהן גייט באלד אוועק, דער אויבערשטער האט מיר אריינגעגעבן עפעס א געדאנק, איך בין צוגעגאנגען צו א פענסטער, איך האב אריינגעווארפן מיין וואליזע (רענצל), און איך האב אריינגעשטעקט די הענט, האבן מיך מענטשן אריינגעשלעפט דורכ'ן פענסטער! (השואל: גוים?) איך ווייס נישט! פריער אריינגעווארפן די וואליזע אינעווייניג, נאכדעם איז געווען א פענסטער'ל, האבן זיי מיר קוים אריינגעשלעפט און איך געגעבן א פאל אויף זיי, איך בין שוין דא, און די באהן - די באהן פארט שוין, די באהן פארט שוין!

א מענטש האט גארנישט קיין השתוקקות געהאט אויף דעם - עפעס פון זיך אליין אריינגעפאלן!

און אפגעפארן עטליכע שעה, און געקומען קיין לובלין, דארט איז דא א שטיבל מיט אונזערע מענטשן - א שטיבל, דארטן איז שוין געווען חסידים אסאך. (השואל: מער ווי אין ווארשע?) אוודאי! דעמאלטס איז געווען לובלין מער, יא יא! (השואל: רבי יצחק ברייטער?) אלע אלע! (השואל: ער איז געווען אסאך עלטער פון אייך רבי יצחק ברייטער?) אוודאי! איך בין געווען א בחור, אלט געווען זיבעצן יאר, א אינגעל פון זיבעצן יאר אלט געווען, ער איז שוין געווען א אינגערמאן מיט קינדער!

איך בין אפגעווען אכט טאג אין לובלין, און מען דארף דאך פארן ווייטער, נו - אונזערע לייט זאגן מיר; זיי ווייסן נישט צו זיי וועלן פארן אויף ראש השנה! אז מען קען גארנישט פארן, די באהנען זענען פול נאר מיט מליטער!

אסאך האבן מיר געזאגט צו נישט פארן, אסאך פון אונזערע לייט האבן געזאגט פאר אהיים - פאר אהיים קיין ווארשע!

(השואל: רבי יחיאל גרינוואלד איז נאך געווען דארטן?) - - ער איז געווען נאך אין לובלין, אבער איך האב איהם נישט געזעהן, איך האב איהם נישט געזעהן, ער איז דאך געווען תרע"ט אין אומאן אויף ראש השנה - יחיאל.

*

אין לובלין איז אזוי געווען, איך בין ארויסגעפארן פון לובלין, איז אויך אזוי געווען, ווי האט מען געקענט צו-טרעטן צו די באהן?! אז מען איז געקומען, מעטער'ס פאר דעם איז געווען פול מיט מענטשן - וואלגערן זיך טעג מיט וואכן, מען האט נישט געקענט צו קומען צו קיין באהן!

ממילא - זיי ווילן אהיים פארן צו זייערע פאמיליעס, אבער ווי שטופ איך זיך?! ווי שטופ איך זיך - מיט מיין וואליזע?!

איז דער באהן איז געגעבן א קום אן, איז אויך אזוי געווען, מענטשן האבן זיך געשטופט, איך האב זיך אויך געשטופט מיט די וואליזע, געשטופט געשטופט, א נס געווען - איך בין אריין דורך א פענסטער, מיט די וואליזע בין איך אריין אין דער באהן! איך ווייס אליין נישט וויאזוי ס'איז געווען, איך ווייס נישט וויאזוי איך בין אריין אין דער באהן!

פון לובלין בין איך שוין געקומען קיין 'קאווע' דארטן, דארטן האב איך שוין נישט געהאט קיין געלט - - - (בין איך ארויף אויפ'ן באהן) אן א 'כרטיס'! איז געקומען דער (גובה הכרטיסים) - אראפגעווארפן מיך, אראפגעווארפן פון די באהן!

נאכדעם בין איך געקומען שוין קיין פולנאה, און ער האט מיר אראפגעווארפן - איך האב געוואלט כאפן אן אנדערע באהן, האט ער אכטונג געגעבן איך זאל נישט ארויף אויף א אנדערע וואגן, ער האט אכטונג געגעבן די באהן זאל אוועקגיין...

האב איך געזאגט יום כיפור קטן אין פולנאה, ערב ראש חודש אלול, איך בין נישט געווען אויפ'ן ציון ביים פולנאה'ער רב (התולדות זי"ע), ווייל איך האב געוואלט פארן ווייטער, איך האב אלס געוואלט פארן ווייטער - ווייטער מיט באהנען, אלעם אהן געלט...

*

## שבת בבארדיטשוב - קאזאטין

ביז איך בין אנגעקומען קיין בארדיטשוב - בין איך אנגעקומען פרייטאג, אין בארדיטשוב האב איך נישט געוואוסט וואו צו גיין, האבן זיי געזאגט (אנשי העיר, על שאלתו איפוא נמצאים חסידי ברסלב): "אה, די טויטע חסידים"!...

בין איך געגאנגען דארטן, אונזערע לייט האבן א שטיבל, וואס דער פענסטער איז געווען אויפ'ן פעלד, אויפ'ן בית החיים, דארטן איז געליגן רבי ליבער (הגדול מ'בארדיטשוב זצ"ל)

א בית הקברות, א בית הקברות דארטן! א שטיבל, א שטיבל, א גיהנם - א שטיבל! האב איך שוין געזעהן ווער ס'איז אונזערע לייט, עניים ואביונים, דאס איז דער שטיבל!

הכלל, ס'קומט פרייטאג צונאכט'ס, פארנאכט קומט אריין א איד'עלע, א קליין איד'עלע - קומט ער אריין, דאס איז געווען דער אברהם'עלע - דער קוימען קערער, ער פלעגט ארום גיין אויסקערן די קוימענס מיט א שטעקן, מיט א בעזים, און - (ער פלעגט) שרייען ביים דאווענען, ער גיבט קולות ביים דאווענען!

נאכדעם קומט אריין א איד הייסט ער ברוך (בארדיטשוב'ער, אביו של ר' יוחנן גאלאנט ז"ל), ער האט געגעבן קולות ביים דאווענען, איך בין נאכנישט געווען געוואוינט - אזא מין דאווענען! האב איך געהאלטן דעם שבת אין בארדיטשוב.

(השואל: וואו זענט איר איינגעשטאנען?) ביינאכט האב איך גענעכטיגט גאר ביי איינעם, דער בעל הבית פון דעם שטיבל - א בעל הבית'שע איד, אינדערפרי האב איך שוין געגעסן ביי ברוך.

(השואל: יוחנן [גאלאנט] איז שוין געווען שוין?) יוחנן האב איך געטראפן אין אומאן, יוחנן איז געווען אין אומאן.

האב איך ביי קיינעם נישט גענומען קיין געלט (לרוב עניותם).

*

איך בין אוועקגעפארן ווייטער, איך בין אוועקגעפארן אויפ'ן וועג קיין אומאן, שוין איך קום שוין דארטן אריין אין קאזאטין דארטן, אז מען פארט פון אדעס קיין קיעוו פארט מען דורך קאזאטין.

זעה איך ס'דרייעט זיך ארום איינער א משוגע'נער (כן היה נראה לו, כדלהלן), און ער זאגט מיר וואו פארסטו? זאג איך איהם קיין אומאן! איך פאר אויך קיין אומאן! (שאלתי אותו) האסט געלט? זאגט ער; ניין! נו, גייט ער אוועק אונטער א באנק...

(בתוך הרכבת, כדי שלא יתפסו אותו). בין איך אויך אונטער א באנק... מיר זענען אנגעקומעןביידע קיין אומאן.

איך האב געהאט געהערט פון יצחק'ל (אטוואצקער הנ"ל), ער האט מיר דערציילט דארטן, אז איינער איז דא א אפטער (ה"ה רבי בנציון אפטער ז"ל), מאכט ער פריילעך, (ושאלתי את האיש הנ"ל שנסע איתי אם הוא מכיר אותו), זאגט ער; איך קען איהם, איך וויים ווער ער איז! און דאס איז געווען דער אפטער (הוא בעצמו)...

(השואל; ער איז געווען אסאך עלטער פון אייך?) אוודאי, אוודאי.

*

## 'אומאן'!!!...

אז איך בין געקומען קיין אומאן האב איך שוין געטראפן דארטן ישראל כהן עליו השלום, ער איז שוין דארט געווען (הוא הגיע ג"כ מפוילן לשם), ער איז שוין געווען פריערט!

און משה טשענסטעכאוו'ער האב איך שוין געטראפן דארטן - איז שוין אויך געווען פריער, אלעס פון די ישיבה, און נאך (זענען שוין) געווען דארטן! (השואל; משה טשענסטעכאוו'ער האט אויך געלערנט אין די ישיבה?) יא יא, אויך געווען אין מיינע יארן! פון מאקאווע (עיר בפוילן, שם היה הישיבה) געווען.

א חודש אלול געווען - א גוטע חודש, מיט די ציון, מיט די קלויז, ס'האט זיך געקאכט זיך!

(השואל; ווי איר זענט אנגעקומען, האט איר נאכנישט געטראפן די אלע זקנים וואס זענען געקומען אויף ראש השנה?) ניין ניין, איך האב געזעהן עלטערע אידן דארטיגע, רבי שמשון (בארסקי ז"ל) - -

(השואל; רבי אברהם ר' נחמן'ס האט נאכנישט געהאט אנגעקומען?) ער איז אנגעקומען שפעטער עטליכע טעג - איז ער אנגעקומען! מ'איז אקעגן געלאפן; רבי אברהם, רבי אברהם!

*

# 'כולם נקבצו באו לך'

אז ס'איז געקומען א טאג פאר ערב ראש השנה - איז אנגעקומען מענטשן מיט די קארעטעס, פוילישע און רוסישע.

(השואל; רבי יצחק ברייטער איז געקומען יענע ראש השנה?) אה, יא! (רבי מרדכי סאקאלאוו'ער?) אויך, אויך געקומען דעם ראש השנה! תרע"ה זענען אלע געקומען! (עדיין לא היה סגור כמו השנים שלאחר מכן).

- - און מיט א מין שמחה! מען האט געמאכט שהחיינו'ס מיט אזא מין אהבה! אַדאָם האב איך געזעהן - זאג איך; "דאס איז אין די גאנצע וועלט נישט דא"!

אזא מין אהבה וואס איינער האט צום אנדערן! און מען האט געמאכט שהחיינו'ס, און געטאנצט, געשפרינגען!

ווער איז דער איד? "דאס איז סאקאלאוו'ער רב - דאס! דאס איז א איד א גאון"! (ותמהתי); "א רב?! ווי א אינגעלע - ער טאנצט מיט אלע, ער שפרינגט מיט אלע! וואס איז דאס"?!!

דער טשעהרינ'ער רב - אז ער איז געקומען אויף ראש השנה (לא בזמנו של ר' לוי"צ, אלא מספר מה שהיה מקודם), און דארט אויפ'ן וועג דארטן (רצו לכבדו) זאגט ער; "איך האב דעם רב איבערגעלאזט אין טשעהרין"! "איך האב דעם רב (- היינו הרבנות) נישט מיטגענומען מיט זיך"!

*

מען האט דאס דעמאלטס ארויסגעזעהן דאס אונזערע לייט - געוואלדיג די אהבה וואס ס'איז געווען צווישן זיי! דאס איז א מעשה שוין באלד זעכציג יאר, דעם ראש השנה וועט שוין ווערן זעכציג יאר! (תרע"ה - תשל"ה).

דעמאלטס האב איך געזעהן אז דעם רבי'נס זאך איז עפעס - נישט קיין זאך פון דער וועלט, ס'איז אן עולם הבא'דיגע זאך! ס'איז א גן עדן'דיגע זאך!

דעם ערשטן ראש השנה בין איך ארומגעגאנגען אזוי ווי איך בין אין גן עדן! איך בין אין גן עדן! איך בין נישט אין דער וועלט!

וואס איך האב געזעהן - האב איך געזעהן ס'איז גארנישט קיין (ענין של עולם הזה)- אזוי דאווענט מען?! און אזוי האט מען זיך ליב איינער דעם אנדערן?! אזוי גיבט מען צדקה?! אזוי אזוי?! א גן עדן! א געוואלד, א געוואלד!!!

*

# 'אבידה שאינה חוזרת'...

אין רבי אברהם ר' נחמנ'ס האב איך נאכנישט געהאט דעמאלטס אזא מין געפיל, איך האב געזעהן אונזערע לייט האלטן איהם זייער חשוב, נאכדעם האב איך שוין - - -

(השואל: א וואך פאר ראש השנה איז ער געקומען?) מער, אינמיטן אלול.

איך האב געזעהן אין איהם גרויסע זאכן, ס'איז געווען דעמאלטס - ס'איז אריינגעקומען עפעס א איד אן ארימאן, מיט א זעקל אויף די פלייצעס, אונזערע לייט זענען געווען ארימעלייט, א זעקל - געליגן דארטן טלית ותפילין, און דארט - א העמד, דאס איז געווען די וואליזע!

איז רבי אברהם ר' נחמנ'ס צוגעגאנגען צו איהם, זאגט ער איהם: "ווי זענט איר געווען פאר א יאר"? איך האב געזעהן עפעס קיינער פרעגט איהם נישט - קיינער גיבט איהם נישט אפ קיין שלום (לא היה נודע כל כך לאנ"ש, אבל ר' אברהם זכר אותו), און רבי אברהם פרעגט איהם: ווי זענט איר געווען פאר א יאר?! "רבי אברהם - ארץ ישראל איד" גערעדנקט ער אז ער איז נישט געווען פאר א יאר אויף ראש השנה!

האט ער איהם געזאגט עפעס א תירוץ דארטן, איך וויים - א תירוץ (למה לא הגיע על ר"ה אשתקד. אמר לו רבי אברהם): "דאס איז א אבידה שאינה חוזרת"! אבידה שאינה חוזרת! שוין. פרעג איך רבי אברהם: ווער איז דער איד? (אמר לו רבי אברהם) דער איד איז א טירהאוויצע'ר, און וואוינען וואוינט ער אין אלכסנדראווקע, אין דעם רבי'נס שטאט דארט,[ט] לעבן טשעהרין, און דער איד האט נאך געקענט רבי נתן'ען גוט.

[ט] רביז"ל היה גר סמוך לשם בימי נעוריו, בהיותו סמוך על שולחן חותנו, עי' כוכבי אור אנשי מוהר"ן אות כ"ו [ב'].

רבי אברהם האלט גוט (חשבון), ער ווייסט, קיינער ווייסט נישט פון דעם אידן וואו ער וואוינט. (איך בין) שטארק נתפעל געווארן, געזעהן אז רבי אברהם איז עפעס א אנדערע סארט איד, ער ווייסט יעדעם איינעם - ווער ס'איז פאר א יאר געווען ווייסט ער, און ער ווייסט ווער ער איז, ער ווייסט אלעם!

*

איך בין געווען אין אלכסנדראווקע (בתקופה מאוחרת), בין איך געווען ביי איהם אין שטוב (אותו הזקן העני), איך בין אריין צו איהם אין שטוב אריין, דעמאלטס איז ער שוין געווען בלינד אינגאנצן, ער האט שוין גארנישט געזעהן, אבער איך האב איהם באלד דערקענט, "דאס איז ער"!

ער האט נאר געפרעגט; ווער בין איך? (אמרתי); אין בין פון אומאן! האט ער אנגעהויבן צו טאנצן פאר שמחה, א אומאן'ער! א אומאן'ער! ער האט געבעטן איך זאל ביי איהם עפעס עסן - אוי, ס'איז דארטן געווען מיאוס און אומריין, נאר וואס דען?! מחמת די אהבה צו דעם אידן האב איך עפעס געגעסן דארטן!

ער האט געזאגט; איך האב געהאט מטבעות, איך בין געווען א קינד, בין איך געגאנגען צו רבי נתן, האט רבי נתן מיר געגעבן א מטבע, האט מען ביי מיר צוגע'גנב'ט די מטבעות, איך ווייס נישט וואו זיי זענען - ער האט זיי נישט.

א "קבר" א "גרוב" - ס'איז גארנישט געווען קיין שטוב! ער האט געהאט עפעס דארטן א שוועסטער - איך ווייס - א קבר, א גרוב אראפצוגיין, א קבר א גרוב... נאר ער איז געווען א וואוילער איד'ל.

*

דער אויבערשטער האט אזוי צוגעפירט - ס'איז פארהאן אמאל איינער וואס האט נישט קיין הארץ, ער האט נישט קיין רצון, ביי מיר איז אזוי געווען! מיין פארן ביי מיר איז געווען עפעס אליין פון הימל, איך האב גארנישט געהאט אזא מין תשוקה - איך זאל זיך מוסר נפש זיין?! פון הימל האט מען מיר געשטופט, געשטופט!

דער אמונה אינעם רבי'ן איז געווען דארטן געוואלדיג גרויס! אזא אמונה איז געווען אינעם רבי'ן - ממש א בחינת ראיה! אזוי ווי מען זעהט מיט די אויגן!

געוואלדיג איז געווען די אמונה אינעם רבי'ן - געוואלדיג גרויס, געוואלדיג גרויס, כדבר איש אל רעהו!

אויף ראש השנה איז געקומען א עולם, א גרויסע עולם געווען, אסאך הונדערטער מענטשן געווען! אסאך הונדערטער מענטשן געווען! די שוהל איז געווען געפאקט, מען האט נישט געקענט אריינגיין אין שוהל אריין, און די פרוזדור איז געווען געפאקט מיט מענטשן, און - מען האט געדאווענט! אה, דער שמחה מיט דאווענען - ס'איז געווען!

*

(השואל: דעם ראש השנה איז רבי דוד צבי [ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת] נאך געווען?) יא! און רבי מיכל'ע (אחיו)! יא יא, דעם ראש השנה איז רבי דוד צבי נאך געווען, דעם אנדערן ראש השנה איז ער שוין נישט געווען! ער האט נאך געלעבט דעם אנדערן ראש השנה, אבער ער איז שוין נישט געווען - ער איז נפטר געווארן תרע"ו, און רבי מיכל'ע תרע"ז.

רבי מיכל'ע איז געווען די ראש השנה'ס תרע"ה און תרע"ו און תרע"ז אויך (רצ"ל בתקופת רלוי"צ), ער איז נפטר געווארן אינמיטן יאר פון תרע"ז, און רבי אברהם איז נפטר געווארן תרע"ח.

*

# 'אור לו בציון'

"ערב ראש השנה" דאס איז נישט שייך (לתאר) - וואס ס'איז געווען, דאס איז נאר געווען מן השמים!

דער ציון איז דאך א קליינעם ציון - איר זענט דאך געווען דארטן, דא איז דער פלאץ פונעם רבי'ן, און נאך אזוי (עוד שטח ריק כמדת הציון עצמו) מער נישט! אזוי ווי דער צעמענט און נאך אזוי - מער נישט! למשל דער צעמענט איז אזוי גרויס - און נאך אזוי פיל, א שמאלע שטוב'עלע, א קליין שטוב'עלע, און ס'איז געווען געפאקט! "עומדים צפופים"!... מען האט ממש - דאס הארץ זאל זיך נישט אפרייסן דערפון! (קוים צו) כאפן דעם אטעם, דאס איז געווען עפעס אזא מין - וואס דארטן האט זיך געטוהן יענע מאל!

די בכיות און די צעקות, און די תשוקה צום אויבערשטן וואס דארטן איז געווען אין דעם טאג, א געוואלד, א געוואלד, א געוואלד! וואס אידן פלעגן אויסבעהטן - נאר אויף אידישקייט, נאר אויף אידישקייט! נאר אויפ'ן תכלית! אויף תשובה טוהן!

אידן זענען געווען אויפ'ן ציון א גאנצן טאג, אז מען האט שוין געדאווענט מנחה - איז מען נאך געווען אויפ'ן ציון! ארבייטער'ס - עובדים, ארבייטער'ס, ארבייטער'ס! (רצ"ל עובדי השם).

דער ציון מיטן קלויז איז געווען אזוי ווי איין זאך, עס שטייט דארטן אין די מעשה פונעם בעל תפילה, א קעך! עס הייסט 'קעך', די מאכלים קאכן זיך![י]

מען פלעגט הערן קולות - פונעם ציון האט מען געהערט קולות אין שוהל, אז מען האט געדאווענט אין שוהל האט מען געהערט די קולות אויפ'ן ציון! אז ס'איז א בארג, איינער קעגן דעם אנדערן, האט מען געהערט! ווען מען שטייט דארטן - זעהט זיך ארוים אנטקעגן די קלויז, אינמיטן איז א טאל, אראפ א בארג - און ארויף א בארג, אינמיטן איז א טאל - זעהט מען ארוים!

זקנים, זקנים, זקנים פלעגן אזוי אויסשרייען די תיקון הכללי! מיט אזעלכע מיני קולות! אזעלכע מיני געוויינען!

רבי ישראל טירהאוויצע'ר פלעגט זאגן דעם תיקון הכללי "ראה מסוכן כמוני"[יא] אוי, אזעלכע קולי קולות! אזא הייליגער מענטש, געשריגן קולות "ראה מסוכן כמוני טורף בלב ימים"! קולי קולות!

זיי האבן געהאט עפעס אזעלכע הערצער צום אויבערשטן, 'די קוואל און דאס הארץ'![יב] אזעלכע הערצער געהאט צום אויבערשטן! א הארץ, א הארץ! בשעת

---

[י] כנראה שכוונתו עפ"י המבואר שם בהמעשה, שבאותו ה'קעך' אין שום אש כלל, רק המאכלים מתבשלים על ידי הר של אש, וההר של אש הוא רחוק משם הרבה וכו' עיי"ש. וער' בהרמזים שבסוף המעשה מביא לזה הפסוק (ישעיה ל"א): "נאום ה' אשר אור לו בציון, ותנור לו בירושלים". וזה למליצה על הציון והקלויז, שאצל הציון נמצא האור - האש, ומשם מתחמם התנור היינו ה'קעך' - מקום התפלה.

[יא] מתוך התפלה שאחר אמירת התיקון הכללי, יסודה ממוהרנ"ת ז"ל.

[יב] עפ"י לשון סיפורי מעשיות

מען האט א הארץ צום אויבערשטן, אה אה, א מין בענקאבץ, א מין תשוקה צום אויבערשטן, א מין הארץ! גארנישט געקענט (אפלעשן)!

דער ברוך בארדיטשוב'ער, מיט אזא בנימין פארבער, אוי אוי, אוי האבן זיי געהאט הערצער! האבן זיי געהאט הערצער - אז מען קען גארנישט אפלעשן דאס הארץ! לב, 'לב שופכים נכחך כמים', דאס הארץ גיסט זיך אזוי ווי וואסער!

"ווער ס'האט א הארץ איז נישט שייך צו קיין מקום"![יג] קעגן דעם פרט אויך אזוי, ס'איז ענג - געקוועטשט, אז ער האט א הארץ - דער הארץ איז דאך למעלה מן המקום, דער הארץ איז א ענין פון אלוקות, אז ער האט א הארץ צום אויבערשטן איז נישט שייך צו זאגן "ס'איז מיר ענג"! "ס'איז מיר ענג"!

דער גוף איז דאך גארנישט, דער עיקר איז - דאס הארץ צום אויבערשטן, אזוי ווי ביים בית (המקדש) "עומדים צפופים ומשתחווים [רווחים]"[יד] - איז דא אויך אזוי; רעדן צום אויבערשטן, עומדים צפופים - שווימעדיג, מען שווימט אין די לופטן, אה.

*

און ס'איז געווען בחירה אויף התנגדות! (בתמיה), - קוקן מיט די אויגן, און זעהן וואס טוהט זיך - וואס טוהט זיך אפ א ערב ראש השנה! וואס טוהט זיך אפ מיט א דאווענען, איז דען דא אזא דאווענען אין דער וועלט - הערט מען אזא מין דאוונען?! - מיט די קולות, מיט די געשרייען, מיט די תשוקה צום אויבערשטן?!

וואס ס'איז געווען ביים דאווענען, איי איי, איי איי, א געוואלד, א געוואלד, א געוואלד! (וחשבתי); וואו בין איך? וואו בין איך? וואס טוהט זיך דא? האב איך שוין אמאל געהערט אזא מין דאווענען?! וואו בין איך דא?!!

וואו מען שטייט - אזא מין בענקאבץ צום אויבערשטן, אזא מין תשוקה צום אויבערשטן, א 'כלות הנפש', מען קען זיך נישט אפקילן! וואו בין איך?! איי איי איי!

---

[יג] עי' ליקוטי מוהר"ן תנינא סי' נ"ו.

[יד] אבות פ"ה מ"ה. נראה דרצ"ל דכעין זה כאן, אף שהיו עומדים צפופים בגופם, אבל בלבם היו רווחים, כי היו שופכים את לבם לשמים, וכשיש אלקות בלב אז הוא למעלה מן המקום כנ"ל.

*

# "דער רבי איז א טוב עין"...

(השואל; ווער האט געדאווענט דעמאלטס פארן עמוד ראש השנה?) געווענטליך רבי אברהם (- שטערנהארץ ז"ל)! (השואל; מנחה?) רבי אברהם! (השואל; זכור ברית?) רבי אברהם! מעריב אויך רבי אברהם, אוןביידע שחרית'ים רבי אברהם!

רבי נחמן (- נעמירוב'ער ז"ל) האט געדאווענט נאר ביידע מוספים, מער נישט. און מנחה ראש השנה - ווי אמאל! (- לא היה ש"ץ קבוע). (השואל; די פוילישע האבן אויך געדאווענט?) ניין ניין, אזוי - פון די שוהל (אנ"ש הקבועים מתושבי אוקריינא)! (השואל; די צווייטע נאכט מעריב?) רבי אברהם!

און פאר מעריב (ליל שני) האט ער (ר' אברהם שטערנהארץ ז"ל) געזאגט א תורה אויפ'ן בימה! און פלעגט זאגן נאר די גרויסע תורות, תקעו תוכחה, און תקעו אמונה, די גרויסע תורות! עטליכע שעה א תורה, און נאכדעם געדאווענט מעריב (פאר'ן עמוד)!

אונזערע לייט האבן איהם געזאגט; "רבי אברהם, דו דארפסט זיך היטן פאר א גוט אויג! אויסשרייען א תורה הויך אויף א בימה, און די גאנצע שוהל זאל הערן, און א תורה ווי תקעו תוכחה"! האט ער געזאגט; "ניין, דער רבי איז א טוב עין, איך האב נישט מורא"!

ער האט געהאט כוחות, עטליכע שעה אויף די בימה, ער איז געווען א גיבור, רבי אברהם איז געווען א גיבור, א גיבור כח, א גיבור כח!

איך געדענק רבי אברהם, ער איז אלט געווען צוויי און פופציג יאר (כשהגיע רלוי"צ לאומאן), געווען (אזוי ווי) א יונגערמאן, מיט א שווארץ בערד'ל, מיט א צוויי דריי גרויע האר. רבי אברהם איז געבוירן געווארן תרכ"ב, און תרע"ד איז צוויי און פופציג יאר אלט, א יונגערמאן'טשיקל! אה.

*

# 'למען ירבו ימיכם - על האדמה'...

(השואל; יענע יאר האט שוין רבי אברהם ר' נחמנ'ס געזאגט תורה באזונדער?) יא! (השואל; איר זענט געגאנגען הערן רבי אברהם ר' נחמנ'ס?) איך האב נאכנישט געוואוסט! דעם ערשטן ראש השנה - איך בין אריינגעגאנגען עפעס צו נחום שוסטער, דארט איז געזעצן רבי אברהם ר' נחמנ'ס, ער איז געזעצן מיט זיינע מענטשן, און ער האט גערעדט פונעם רבי'ן, ער האט געברענט און געפייערט, און איך האב נישט געהאט קיין שום געפיל נאך - -

(כאן נקטע קצת) - - א איד פון ארץ ישראל (- ר' אברהם ר' נחמנ'ס), פינף און זעכציג יאר! (תר"ט - תרע"ד) ער האט געהאט רויטע אויגן, הויעך איז ער געווען.

רבי אברהם (- שטערנהארץ) איז געווען פיל העכער (בימי נעוריו), ער איז געווארן איינגעצויגן, אז איך האב איהם געזעהן דא, זאג איך "וואס איז דאס"? ! רבי אברהם איז געווארן נידריגער! און נתן (- שטערנהארץ ז"ל, בנו של ר' אברהם) איז אויך אזוי, אויך געווארן אסאך נידריגער, ער איז געווען אסאך העכער פונעם פאטער, ער איז געווארן עלטער איז ער געווארן איינגעצויגן, רבי אברהם איז געווארן אסאך נידריגער, ער איז געווען א מיטעלער, ער איז געווארן א קליינטשיגער.

(רבי נחמן בורשטיין; איר האט איהם נישט געזעהן א דרייצן פערצן יאר?) רבי אברהם האב איך נישט געזעהן פון תרצ"ו ביז תש"ט - דרייצן יאר. (רנ"ב; ער האט געשריבן א בריוול בטחו בה' עדי ע"ד, אז ער איז פיר און זיבעציג - בהגיעו לאר"י בשנת תרצ"ו).

ער האט מיר דערציילט אמאל פארוואס ער איז נישט געפארן קיין ארץ ישראל פריער - (רנ"ב; מיט די פרשיות?) יא, ער איז געווען א סופר, האט ער געשריבן פרשיות, האט ער אמאל געשריבן, און ער האט פארפעלט דאס ווארט "על האדמה", 'למען ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה', דאס ווארט "על האדמה" האט ער פארפעלט, האט ער מורא געהאט צו פארן אויף ארץ ישראל, אז ער האט פארפעלט "על האדמה", האט ער מורא געהאט אז ער וועט נישט האבן דארט קיין אריכת ימים, נו אז ער איז שוין אלט פיר און זיבעציג יאר קען ער שוין פארן. (השואל; איר האט געהערט פון איהם אליין דאס?) יא יא, ער האט מיר דערציילט אליין.

* * *

# "דופיט אויף מיין כח"!...

דארפן מיר רעדן פון רבי'ן, אז דער כח פון רבי'ן - - ווען איך בין געווארן מקורב איז געווען ניין און זעכציג יאר פון רבי נתנ'ס הסתלקות (תר"ה - תרע"ד), אסאך מענטשן האבן נאך געקענט רבי נתן, א איד פון אכציג יאר האט געקענט קענען רבי נתן, איך האב נאך געקענט זקנים וואס האבן געקענט רבי נתן'ען!

למאי נפקא מינה - דער כח פונעם רבי'ן איז א געוואלדיגער כח - אז מען שפּאַרט זיך אהן אין דעם כח! דער רבי האט געזאגט; "דופעט אויף מיין כח"[טו] קען מען זוכה זיין עפעס - קען מען זוכה זיין צו זיין אן 'איש כשר'! און זיין אן 'איש כח', א בעל כח!

אונז האבן א געוואלדיגער כח, נאר וואס דען? מען דארף זיך אנשפארן אין איהם! איינער וואס ער האלט ביים דערטרינקען ווערן, ער כאפט זיך אן - דארף ער זיך אנכאפן שטארק! ער האט מורא ער וועט דערטרינקען ווערן, דארף ער זיך אנכאפן אין דעם שטיק האלץ שטארק!!!

*

(רנ"ב; "ושדיוהו לגודא" - תורה ד') יא. (רנ"ב; דאכט זיך, אז דער טשעהרינ'ער רב האט געהייסן - ער איז געווען קראנק, האט ער געהייסן מען זאל איהם ברענגען קיין אומאן אויף ר"ה -)[טז] יא יא, דריי יאר איז ער געווען משותק - דער טשעהרינ'ער רב - פּארלאזירט, ער איז געלעגן אויפ'ן בעט דריי יאר, דער מח האט געארבעט - און דער גוף איז נישט געווען קיין גוף! (השואל; רעדן האט ער גערעדט?) יא, ער האט מחדש געווען חידושים אויך! דער מח איז געווען א מח ביז'ן לעצטן טאג! נאר דער גוף איז נישט געווען קיין גוף, דריי יאר צייט!

---

[טו] עי' עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת, מכתב תכ"ט.

[טז] עי' שיח שרפי קודש ג' שס"ב; בִּשְׁלֹשֶׁת שָׁנָיו הָאַחֲרוֹנוֹת, הָיָה הָרַב מְשֻׁתָּק בְּכָל חֶלְקֵי גוּפוֹ כַּנִּזְכַּר-לְעֵיל, אַף עַל פִּי כֵן כְּשֶׁהִגִּיעוּ יְמֵי רֹאשׁ-הַשָּׁנָה, הִתְחַנֵּן לִבְנֵי בֵיתוֹ שֶׁיְּסַדְּרוּ עֲבוּרוֹ נְסִיעָה נוֹחָה וְיִקָּחוּהוּ לְאוּמַאן, וְהִזְכִּיר בִּמְלִיצָה אֶת הַמּוּבָא בְּתוֹרָה ד' חֵלֶק א' עַל "וְשַׁדְיוּהוּ לְגוּדָא" עַיֵּן שָׁם, וְאָמַר "הַשְׁלִיכוּ אוֹתִי לַצַּדִּיק", "וַוארְפְּט מִיר צוּם צַדִּיק", אוּלָם בָּנָיו בְּחָשְׁשָׁם לִבְרִיאוּתוֹ לֹא לְקָחוּהוּ, וְלֹא הִשְׁתַּתֵּף בַּקִּבּוּץ בְּאֵלּוּ הַשָּׁנִים.

דער טשעהרינ'ער רב האט געהאט געלט, ער איז נישט געווען קיין ארימאן, האט ער געהייסן מען זאל איהם נעמען, און מען זאל איהם ברענגען, ברענגען, ברענגען! נאר די קינדער האבן נישט געוואלט. (השואל: די לעצטע יארן איז ער געווען ראש השנה אין טשעהרין?) יא, ער ליגט דאך אין טשעהרין. (השואל: וויפיל יאר איז ער נישט געווען ראש השנה?) דריי יאר, ער איז נפטר געווארן תרנ"ד, איז ער דריי יאר נישט געווען אין אומאן אויף ראש השנה! בהדי כבשי דרחמנא - -

*

## "דאס איז מלא רחמים"!...

מיר האבן א חסיד געהאט אין טולטשין, האט ער אויך געהייסן רבי נחמן, נישט רבי נחמן טולטשינ'ער, אין מיינע צייטן! ער איז געווען רבי דוד צבי'ס א זוהן.[יז] (השואל: נאשקע טולטשינער מיינט איר?) נישט נאשקע, נאר זיין טאטע'ס א ברודער,[יח] נאשקע'ס טאטע איז אויך געווען רבי דוד צבי'ס א זוהן. (השואל: רבי דוד צבי וואס ליגט לעבן רבי נתן?) ניין, נישט דער רבי דוד צבי! דאס איז דאך אין ברסלב. דער רבי דוד צבי ליגט דאך אין טולטשין, רבי דוד צבי - רבי מיכל'עס ברודער, זיינער א זוהן.

א גרויסער מתבודד געווען, איז ער אויך געווארן געלעמט, פארלאזירט, איך בין געווען ביי איהם אין שטוב, אויך אזוי איז געווען - זיין מח האט געארבעט! - -

אזא מין בעל בכי איז ער געווען, זיין דאווענען מיט זיין בכיות - א געוואלד, ער האט נאר גערעדט פון התבודדות, ער האט נאר גערעדט פון התבודדות - - ער איז געווען א גרויסער מתבודד!

ער איז געלעגן פארלאזירט, איך בין אריינגעקומען צו איהם און מבקר חולה געווען, האט ער מיר דעמאלטס געזאגט: "א לויה - זאגט ער - אלע וויינען, אלע וויינען, זאגט מען 'קל מלא רחמים', דאס איז דאס, אלע וויינען, אבער דאס איז מלא רחמים"! האט ער געזאגט אויף זיך: "**קוק אהן וויאזוי איך זעה אויס - דאס איז מלא רחמים**"! (שבל היסורים שלו הם מלא רחמי השי"ת) האט ער גערעדט מיט הארץ

---

[יז] היינו רבי דוד צבי ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת.

[יח] אביו של רבי נשקא היה רבי שכנא ב"ר דוד צבי הנ"ל.

האט ער גערעדט! "דאס איז מלא רחמים"! קוקטס אהן - דאס איז "מלא רחמים", אה!

אויסגעארבעטע אידן, ליגן פארלאזירט, אבער דער מח האט געארבעט! אז די מח איז אלע יארן אפגעהיט, איז ער דעמאלטס אויך אפגעהיט! איז עס א מח!

(השואל; ווער איז געווען וואס ער האט געקענט 'אלשיך' אויף אויסווייניג?) דער דער - יא דער רבי נחמן! (השואל; ער איז געווען א תלמיד חכם הייסט עס?) יא! ער איז געווען א געוואלדיגע מתבודד, זיין דאווענען!!

*

האט מיר דערציילט משה ירוסלבסקי, משה איז געווען א גביר - האט ער געדאווענט אויף מזרח, און דער רבי נחמן האט אויך געדאווענט אויף מזרח, און איז געשטאנען לעבן משה'ן, האט ער געהערט ווי ער (ר' נחמן) האט געזאגט די קרבנות פאר מנחה "בבואם אל אוהל מועד ירחצו מים ולא ימותו" - (האט ער געזאגט) עטליכע מאל א ווארט, (כלומר); ווען מען קומט אריין צום "אוהל מועד", "ירחצו מים" - דארף מען זיך וואשן![יט]

- - - אז ער האט געהאט א שמועס, האט עס געקענט זיין נאר פון התבודדות, נאר רעדן התבודדות!

"בבואם אל אוהל מועד" - אז מען קומט אריין אין אוהל מועד, "ירחצו מים" - דארף מען זיך גוט אפוואשן - "ולא ימותו"! - - האט ער איהם געהערט זאגן די קרבנות מיט אזא מין בכיות, "באוהל מועד" - -

איי ס'איז געווען א איד, אז ער האט גערעדט - האט ער נאר געוויינט, און נאר גערעדט פון התבודדות! געווען - אה!

(השואל; וואס איז געווען זיין טוהן - ארבעט?) איך ווייס נישט צו ער האט געטוהן, ער איז געווען א ארימאן, איך ווייס נישט צו ער האט געטוהן!

*

[יט] עי' שיש"ק ד' תק"נ.

ער פלעגט קומען אויפ'ן ציון, האט ער נישט געוואלט מפסיק זיין אינמיטן די צעהן קאפיטלעך תהילים, פלעגן אריינקומען פון אונזערע לייט מאכן דארטן א "אשר יצר" הויך, האט ער נאכאמאל אנגעהויבן די צעהן קאפיטלעך תהילים! (וביקש מהם); "וואס ווילט איר האבן פון מיר?! איך בין שוין א אלטער איד, לאזט מיר זאגן די צעהן קאפיטלעך תהילים! מאך א ברכה שטילערהייט! לאז מיר נישט הערן, האקסט מיר איבער - דארף איך נאכאמאל אנהויבן"! האט ער נאכאמאל אנגעהויבן.

ס'איז געווען א שטיבל דארטן צו וואשן די הענט, אריינגעקומען (צום בית החיים) - איז פריער געווען א שטוב'ל - דער הערשל, דער שומר! און נאכדעם איז שוין געווען יענק'ל זיטאמער - פלעגט זאגן די ברכות פאר'ן דאווענען הויך, און טאמער ער האט געענטפערט אמן, האט ער אנגעהויבן נאכאמאל!...

(השואל; מען טאר נישט מפסיק זיין?) ער האט אזוי געוואלט! דער תיקון איז אזוי, שוין, אז איינער האט א זהירות - איז נישט שייך צו זאגן!

אז איך קום אויפ'ן כותל, וויל איך גיין באזונדער, הערן אלעמאל קדושה מיט ברכו'ס - האקט מען איבער, האב איך ליב זיין באזונדער! קען איך זאגן און נישט מפסיק זיין אינדערמיט!

* * *

## 'שערי דמעות'

אונזערע לייט פלעגן זאגן אזוי, דער רבי דערציילט דער מעשה פונעם "בערגער",[כ] דערציילט די רבי אז דער בערגער איז דורכגעגאנגען דורכ'ן ארימאנס שטוב ביינאכט, האט ער געהערט ווי ער קלאפט זיך קאפ אין דער וואנט, און ער וויינט - קלאגט, איז דער בערגער אריינגעגאנגען אין שטוב אריין; "פארוואס וויינסטו"? האט ער איהם דערציילט; "פארוואס זאל איך נישט וויינען?! ביי דעם בלייבט איבער קינדער - - וואס האב איך? דאס (- אשתו) האט מען אויך צוגענומען ביי מיר"! האט איהם אנגענומען א רחמנותביים הארץ, און איז אוועקגעגאנגען - - (עיי"ש בסיפו"מ).

[כ] ספר סיפורי מעשיות - מעשה י'.

פלעגן אונזערע לייט זאגן; אזוי איז ביים רבי'נס זאך, אז ער גייט אדורך דעם צדיק, און (דער צדיק) זעהט אז ער וויינט זיך אויס גוט פאר'ן אויבערשטן, גייט ער אריין אין א שטוב אריין, און פרעגט איהם, און (דער צדיק) האט מסירת נפש פאר איהם, און ראטעוועט איהם ארויס!!![כא]

נאר וואס דען? אז ער זעהט אז ער וויינט זיך אויס גוט פאר'ן אויבערשטן! - זיך אויסוויינען גוט פאר'ן אויבערשטן, דאס איז עפעס אזא רפואה אזא - געוואלד!

*

"אל דמעתי אל תחרש"[כב] שטייט אזוי, 'דמעתי' איז 'אל תחרש'! "שמעה תפלתי ה' ושועתי האזינה, אל דמעתי - איז - אל תחרש"! דאס שווייגט נישט דער אויבערשטער! הער צו מיין תפילה, אל דמעתי אל תחרש - פאר מיינע טרערן זאלסטו נישט שווייגן! דאס איז אזא מין טענה - אויף טרערן שווייגט נישט דער אויבערשטער! טרערן, טרערן! "שערי דמעות לא ננעלו"!!![כג]

אינזינען האבן טרערן - איז דאך א מחשבה זרה![כד] נאר אז דער אויבערשטער העלפט - א מתנה, דער אויבערשטער קען דאך שענקען א מתנה! איך קען טאקע נישט אינזינען האבן אז 'איך וויל וויינען', דאס איז אויך א מחשבה זרה! אבער אז דער אויבערשטער שענקט דיר טרערן - ער שענקט דיר א מתנה!!

ס'שטייט פונעם אר"י הק' - אויף ראש השנה שטייט, אז דער וואס ס'וויינט נישט ראש השנה, איז נשמתו אינה הגונה,[כה] עס דארף זיך וויינען (מעצמו), עס דארף זיך וויינען, נאר טאמער ס'וויינט זיך נישט - -

---

[כא] עי' שיש"ק ו' ש"ג.

[כב] תהילים לט, יג.

[כג] ברכות דף ל"ב ע"ב.

[כד] עי' ליקוטי עצות - ערך התבודדות אות ט"ו (עפ"י ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' צ"ה); אַף עַל פִּי שֶׁהַבְּכִיָּה לִפְנֵי השי"ת בִּתְחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת טוֹבָה מְאֹד, אַף עַל פִּי כֵן כְּשֶׁאָדָם אוֹמֵר תְּהִלִּים אוֹ שְׁאָר תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת, אוֹ שֶׁמֵּשִׂיחַ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, וְחוֹשֵׁב וּמְצַפֶּה וּמִסְתַּכֵּל בְּדַעְתּוֹ בְּכָל פַּעַם שֶׁיִּבְכֶּה וְיוֹרִיד דְּמָעוֹת, גַּם זֶה הוּא מַחֲשָׁבָה זָרָה וּמְבַלְבֶּלֶת הַכַּוָּנָה. כִּי הָעִקָּר - שֶׁיְּכַוֵּן דַּעְתּוֹ לוֹמַר הַדִּבּוּרִים בְּכָל לִבּוֹ בֶּאֱמֶת, שֶׁיַּטֶּה אָזְנוֹ וְלִבּוֹ לִשְׁמֹעַ מַה שֶּׁמּוֹצִיא מִפִּיו, וְאִם יִתְעוֹרֵר לִבְכִיָּה מַה טּוֹב - וְאִם לָאו אַל יְבַלְבֵּל כַּוָּנָתוֹ בִּשְׁבִיל זֶה.

[כה] עי' מטה אפרים סי' תקפ"ב ס"ק כ"ח, והוא בשער הכוונות דרושי ראש השנה בהקדמה.

*

מיר שטייען ביי א גרויסן 'בעל כח'! ביי א גרויסן 'בעל כח'[כו] - וואס מען קען נישט וויסן אין דעם עולם דעם כח פונעם רבי'ן! נאר וואס דען? מיר רעדן דערפון! מיר שמועסן דערפון! לעתיד וועט מען וויסן!!!

על כל פנים, זאל מען זיך גוט אנשפארן אויף דעם כח! גוט אנשפארן זיך - קען מען געהאלפן ווערן!

פלעגט רבי אברהם ר' נחמנ'ס זאגן; **"אז מען שפארט זיך איין ביים רבי'ן** (- אויפ'ן ציון), **ווערט מען געהאלפן"!**[כז] מען עקשנ'ט זיך, ווערט מען געהאלפן! - - -

*

# 'גדולה שימושה יותר מלימודה'!...

(השואל; רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט געזאגט "ווען ער וואלט געוואוסט די כח פונעם רבי'נס ציון, וואלט ער נישט פארברענגט אזויפיל אין די פעלדער, נאר מער ביים ציון"?) **יא יא! איך האב עס נישט געהערט פון איהם אליין - -**

**אזוי ווי - רבי נתן האט געזאגט, אז ס'האט איהם באנק געטוהן** (כאב לו) **אויף די תורה ותפילה בשעת ער איז געווען ביים רבי'ן!** בחיי רבינו - (האט ער) אסאך מרבה געווען בתורה ותפילה, איז ער ווינציגער געווען ביים רבי'ן!

ס'איז געווען א מעריב, דער רבי האט געבעטן אמאל ער זאל עסן מיט איהם, און ער האט געדאווענט מעריב.[כח] (עוד מעשה היה) און דער רבי האט געוואלט זאגן תורה אלע וואך, און ער (מוהרנ"ת) איז נישט געווען, האט דער רבי נישט געקענט זאגן[כט] - אין אומאן. האט ער אזוי געזאגט; "ס'האט איהם באנק געטוהן אויף די

---

[כו] עי' ליקו"מ תניינא תו' ח' אות ג'.

[כז] עי' שיש"ק ג' תצ"ה.

[כח] (עי' חיי מוהר"ן אות תקצ"ח)

[כט] עי' שיש"ק ג' תקצ"ד; בְּסֵפֶר יְמֵי מוֹהַרְנַ"תְּ סִימָן ל"ט, מְסֻפָּר בַּמֶּה שֶׁשָּׁאַל רַבֵּנוּ בִּשְׁנַת תק"ע בְּשַׁבָּת פָּרָשַׁת נֹחַ אֵיזֶה סִדְרָא קוֹרִין בְּשַׁבָּת וְהֵשִׁיבוּ לוֹ פָּרָשַׁת נֹחַ, עָנָה וְאָמַר אַתְחִיל לוֹמַר תּוֹרָה בְּכָל שַׁבָּת, וְהִתְחִיל וְאָמַר "בְּרֵאשִׁית הוּא הֶסְפֵּד עַל נֹחַ" וְכוּ' עיי"ש, כְּפִי הַיָּדוּעַ לֹא נֶאֶמְרָה אַחַר כָּךְ תּוֹרָה בְּכָל שַׁבָּת, וּבֵאֵר בָּזֶה רָאבְרַ"נ, שֶׁכַּוָּנַת רַבֵּנוּ הָיְתָה שֶׁאֲמִירַת תּוֹרָתוֹ תִּהְיֶה בְּאֹפֶן שֶׁמוֹהַרְנַ"תְּ יִהְיֶה נֹכַח בְּעֵת אֲמִירָתוֹ אֶת הַתּוֹרָה, וְאָז יֹאמַר

אריכות פון זיין תורה ותפילה בשעת דער רבי האט געלעבט - בחיי רבינו! ער וואלט ווען גערארפט נאר זיין ביים רבי'ן - אפילו ממעט זיין בתורה ותפילה, און נאר נעמען פונעם רבי'ן״!

רבי אברהם - די צייטן פונעם רבי'נס ציון - ער האט דאך פארבראכט זיינע יארן אין די פעלדער אין די וועלדער, האט איהם באנק געטוהן, אז ער זאל ווען זיין די גאנצע וואך זיין נאר ביים רבי'ן אויפן ציון - -

נאר צוריק ווידער - דורך די פעלדער האט ער באקומען אזא מין געפיל אינעם רבי'נס ציון!...

*

מיר דארפן נישט פארגעסן אז מיר האבן אזא מין רבי'ן! אזא מין בעל כח! און מען קען זיך אנשפארן אין איהם! און וועלן 'גוטע זאכן' - נישט קיין נארישקייטן - מען זאל געהאלפן ווערן!

מיר דארפן דאך 'וועלן', פון אויבן וויל מען געבן, מען וויל געבן - אבער 'אז איך וויל' - וויל מען געבן! אבער אז איך וויל נישט - וועט מען מיר נישט געבן! דארף איך דאך וועלן!

און דער 'רצון' דארף האבן א געוואלדיגער חיזוק! דער רצון - א מענטש ער האלט אין איין וועלן, נישט אויפהערן צו וועלן - דארף האבן א געוואלדיגער חיזוק!

אן 'עבודה' - טוה איך דאך עפעס, אבער א 'רצון בלב' דארף האבן א חיזוק! א רצון האלט זיך נישט - דארף האבן א געוואלדיגער חיזוק!

און די ערליכע אידן - - דער רבי ברענגט טאקע אין תורה ל״א,[ל] אז דורך 'תיקון הברית' גייט ארויס א השתוקקות, א אהבה, האט ער א רצון צום אויבערשטן! א

---

תּוֹרָה מִדֵּי שַׁבָּת, אוּלָם מוֹהַרְנַ״תְּ לְרֹב שִׁפְלוּתוֹ לֹא שָׂם לִבּוֹ שֶׁכַּוָּנַת רַבֵּנוּ הָיְתָה שֶׁדַּוְקָא הוּא יִהְיֶה נֹכַח, וְעַל כֵּן לֹא נִמְשַׁךְ סֵדֶר אֲמִירַת תּוֹרָתוֹ בְּכָל שַׁבָּת, וְהָרָאשֵׁי פְּרָקִים הַנִּמְצָאִים בְּלִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ע״ט הֵם רָאשֵׁי פְּרָקִים מֵהַתּוֹרוֹת שֶׁהֵכִין רַבֵּנוּ לְעַצְמוֹ לְאָמְרָם בְּשַׁבָּתוֹת הַסְּמוּכִים כְּמַאֲמָרוֹ הַנַּ״ל, וְכַנִּרְאֶה בִּפְנִים סֵדֶר הַתּוֹרָה לְפִי סֵדֶר הַפָּרָשִׁיּוֹת.

[ל] עיי״ש אות ו׳.

'ברענונג' צום אויבערשטן, א 'כיסופין' צום אויבערשטן, ער האט א השתוקקות, "חסד מתגליא", ס'גייט זיך ארויס אזא מין אהבה - גייט ארויס פון דארטן!

*

## "עס וועט נאך קומען א צייט..."!

אוודאי טוהט זיך באנק - - רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט געזאגט; אז ס'טוהט איהם באנק אויף די פעלדער און די וועלדער! אונז טוהט באנק; פארוואס מיר זענען געזעצן אין שוהל גערעדט?!! מיר האבן געקענט מער זיין מער ביים רבי'ן אויפ'ן ציון!!!

די זקנים פלעגן אונז זאגן - מיר פלעגן שטיין דארטן און רעדן - "וואס רעדט איר דא?! גייט ארויף צום רבי'ן אויפ'ן ציון! מיר האבן בקבלה, אז ס'וועט זיין א זמן, מען וועט וועלן גיין - און מען וועט נישט קענען גיין! מען לאזט אייך גיין - גייט"!!!

דאס איז אלץ געווען מקובל! אין די 'מגילת סתרים' איז אזוי געווען מרומז די זאך אויך; "אז ס'וועט זיין א זמן מען וועט נישט קענען גיין צום רבי'ן אויפ'ן ציון"! דאס איז אויך געווען מרומז אין די מגילת סתרים!

דאס זעהען מיר דאך איצטערט, ס'איז מקויים געווארן - מען וויל גיין און מען קען נישט!!!

*

(השואל; מען האט געזאגט פארקערט אויכעט; מען וועט שטיין דארטן, און מען וועט נישט ארײנלאזן, נאר 'השתטחות' - מרוב צפיפות ריבוי ההמון)[לא] אה, דאס מיינסטו?! (השואל; איצטער דארף דאס מקויים ווערן?!) יא יא, ס'דארף מקויים ווערן! ס'דארף מקויים ווערן!!!

זאל דער אויבערשטער העלפן, ער זאל אויף אונז רחמנות האבן!

---

[לא] עי' שיח שרפי קודש ה' אות קכ"ה; בְּסֵפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן בִּכְתַב יָדוֹ שֶׁל מוֹהַרְנַ"תְ זַ"ל הָיָה כָּתוּב שֶׁיַּגִּיעַ עוֹד עֵת כָּזוֹ שֶׁיִּסְעוּ וְיָבוֹאוּ מִכָּל הָעוֹלָם בְּעֶרֶב רֹאשׁ-הַשָּׁנָה לְהִשְׁתַּטֵּחַ עַל צִיּוּן רַבֵּנוּ זַ"ל וְיִהְיוּ עַם רַב כָּזֶה עַד שֶׁיִּצְטָרְכוּ לְהַעֲמִיד שׁוֹמְרִים וְשׁוֹטְרִים לְהַשְׁגִּיחַ עַל הַצִּבּוּר שֶׁלֹּא יִתְמַהְמְהוּ יוֹתֵר מִדַּי וִיפַנּוּ מְקוֹמָם לְהַבָּאִים אַחֲרֵיהֶם.

*

# 'כולא במחשבה איתבררו'

דאנקען דעם אויבערשטן אויף וואס מען איז נישט קיין מתנגד אויפ'ן רבי'ן! דאנקען דעם אויבערשטן וואס ס'איז חשוב ביי אונז דעם רבי'נס ספרים! נאר וואס דען? מען קען זיך אנשפארן אינעם רבי'ן! מען זאל עפעס מער נעמען, מער נאַשן פון איהם!

אז דער אויבערשטער העלפט טאקע, אז מען ווערט טאקע א איש כשר, איז דאך א ענין אחר לגמרי! גאר עפעס אנדערש! און מען 'קען' עם זוכה זיין דורכ'ן רבי'ן! אין מח זאל ליגן אנדערע געדאנקען, אנדערע רצונות!

אז דער אויבערשטער העלפט טאקע, אז ס'ליגט טאקע אין מח אנדערע געדאנקען - דאס איז דער עיקר! דאס איז דער עיקר - דאס איז אינגאנצן דער פארמעג פונעם מענטשן אז ער זאל זיך אויסקלויבן א 'שכל הנקנה'[לב] - א איינגעקויפטע שכל, איינגעקויפט זיך א מח, אינעם מח ליגט נאר גוטס, הייליגע זאכן, דאס איז - משתוקק צו גוטע זאכן! דאס אז מען האט שוין דעם מח - האט מען עפעס איינגעקויפט א זאך!

זאגט דער רבי; "דאס איז דער עיקר השארה לאחר מותו" - זאגט דער רבי אין די תורה כ"ה! דער עיקר 'השארה' איז דאס אז מען האט זיך איינגעקויפט דעם מח, מען האט א שיינעם מח, מען האט א ריינעם מח!

דאס חשיבות פון דארטן (עולם הבא) - איז נאר וואס ער קומט אהינצו מיט א שענערן מח! - דאס איז די גאנצע חשיבות, "כולא במחשבה איתבררו"[לג] שוין.

דארף מען נישט אראפפאלן ביי זיך, מען דארף נאר גלייבן און אנהויבן! און בעטן דעם אויבערשטן! משתוקק זיין! דער אויבערשטער זאל העלפן!

* * *

---

[לב] ליקו"מ תו' כ"ה.

[לג] עי' זוה"ק פרשת פקודי דף רנ"ד ע"ב, מובא בליקו"מ כמה פעמים, עי' תו' רי"א.

# 'שוקדים בצום ליבם להכניע'

(השואל; עשרת ימי תשובה פלעגט מען פאסטן א האלבע טאג?) **יא יא!** (השואל; סליחות צייט אויך, די ערשטע טאג?) **יא!** (השואל; אלע טעג פון סליחות?) **פאר ראש השנה איז שוין געווען אזוי און אזוי, נאר 'עשרת ימי תשובה' פלעגן אונזערע לייט זיין נזהר נישט עסן פאר צוועלף,**[לד] **רבי נתן ברענגט אין ליקוטי הלכות - נאר א האלבע טאג!**[לה] **און ערב ראש השנה אויך נאר א האלבע טאג, און די ערשטע טאג סליחות אויך נאר א האלבע טאג!**

דא פארט מען דאך אויף קברי צדיקים (בערב ר"ה), אז מען קומט צוריק איז שוין אויך א האלבע טאג, מען קען היינט גארנישט זאגן, שוואכע מענטשן, מעג מען היינט גארנישט רעדן, שוואכע מענטשן ממש, קוים וואס זיי קענען - מען האט נישט קיין כח.

(השואל; שני וחמישי?!) בה"ב פלעגט מען כאטש ארויסכאפן ביז א האלבן טאג, נאר בה"ב ווערט שוין דערמאנט אין שלחן ערוך[לו] - איך מאך נישט (שינויים)! בה"ב איז א גאנצן טאג - ס'שטייט דאך אין שלחן ערוך! נאר וואס דען (אם ממילא אינו יכול) - "כאטש" א האלבן טאג!!

אזוי ווי מיר האבן שוין אויף עשרת ימי תשובה - אויך א האלבע טאג! נו, אז מען קען נישט (- בה"ב א גאנצן טאג כמבואר בשו"ע) איז - כאטש א האלבן טאג!

איך געדענק אז ס'איז געווען אמאל איינער האט געהאט א יארצייט בה"ב, (האט ער געוואלט) ברענגען עפעס אינדערפרי ('תיקון'), האט מען מקפיד געווען - נישט געלאזט, "בה"ב אין שוהל אריין"?! האט מען נישט געלאזט! "דו ווילסט עסן? עס אינדערהיים - און קיינעם נישט אויסזאגן"!!

---

[לד] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ל"ד (ג'); גַּם בְּכָל עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה הִקְפִּיד מְאֹד שֶׁלֹּא לֶאֱכֹל עַד אַחַר חֲצוֹת.

[לה] עי' ליקוטי הלכות הל' ראש השנה ב' אות ח'; וְזֶה שֶׁנָּהֲגוּ הָעוֹלָם עַל פִּי גְּדוֹלֵי עוֹלָם, שֶׁלֹּא לְהִתְעַנּוֹת בַּעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה כִּי אִם עַד אַחַר חֲצוֹת, וְאַחַר כָּךְ אוֹכְלִין, וְכֵן שָׁמַעְתִּי מֵרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁכֵּן רָאוּי לִנְהֹג...

[לו] אורח חיים סי' תצ"ב.

מען זאגט סליחות, ס'ווערט דערמאנט אין שלחן ערוך פאר א 'תענית', דו פאסט נישט? ווער דארף פון דעם וויסן אז דו פאסט נישט?!!

רבי נפתלי האט געזאגט "אז ער ווייסט נישט פונעם רבי'ן קעגן בה"ב"! (אינו יודע אם רצון רבינו שיתענו), האט זיך אנגערופן רבי נתן; "**דער רבי האט געהאלטן פונעם גראבן סידור, און די גראבע סידור הייסט פאסטן בה"ב, א סימן - אז ס'איז דא סליחות**"!

(השואל; דער גראבער סידור מיינט ער פון 'יוסל סידור'?) 'יוסל'?! דער רבי האט מקנא געווען דער איד וואס זאגט זייער אסאך, תחינות, מעמדות, אלעם![לז]

*

דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז, ס'גייט א הייליגער "ראש השנה" - - -

(השואל; ווען זאגט מען ביי אייך זכור ברית?) א פערטל נאך דריי אויפ'ן נייעם זייגער, יא, א פערטל נאך צוויי! דער 'פערטל שעה' פעלט אויס, אז מען האט אנגעהויבן אמאל האלב דריי, האט מען זיך געדארפט זייער יאגן צום דאווענען! 'האלב זיבן' (- ברכות), 'צעהן צו זיבן' הייבט מען אהן הודו (היינו אויפ'ן נייעם זייגער), זכור ברית דאווענט מען דאך אוודאי מיטן נץ.

(השואל; אין אומאן האט עס מסתמא גענומען לענגער?) אין אומאן האט מען נישט געדאווענט יעדן טאג מיט'ן נץ! (השואל; ערב ראש השנה?) ניין! מען האט אזויפיל מאריך געווען מיט'ן סליחות, אז ס'איז שוין געווארן שפעט צו דאווענען מיט'ן נץ! - - -

נו, דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן, מיר זאלן האבן א כתיבה וחתימה טובה!!!

---

[לז] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק"ד, וחיי מוהר"ן אות תק"כ.

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **בנציון קרויס** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב**

מוה"ר **אלי' פדווא** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת נכדו למזל טוב**

מוה"ר **הלל הלוי יוזשעף** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **שלמה בנימין זילביגער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לזכות רפואת**
**יודא בן מרים בתושח"י**

מוה"ר **אברהם שלמה פדווא** הי"ו
קרית טאהש יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

"מערכת טעם זקנים" מתכבדת בזה בס"ד להגיש לפני קהל אנ"ש שיחיו את **הקונטרס האחד ועשרים**, היוצא לאור לקראת הקיבוץ הקדוש ראש השנה שנת ה'תשע"ט!

ובזה אנו מודיעים, כי בעזרת השי"ת בדעתינו להמשיך להוציא לאור את הקונטרסים בכל שבועיים, כמו בשנה שעברה, וניתנים להשיג לכל דורש דרך המייל;

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן מוכן בקרוב להו"ל את תוכן המאמרים מתורגם ללשון הקודש בס"ד, וגם לצרף כל המאמרים יחד בכרכים מקובצים.

**ובקשתינו שטוחה לכל אנשי שלומינו היקרים, להשתתף יחד בההוצאות המרובים של העתקת ועריכת השיחות היקרים האלו, אשר זכות הרבים תלויה בו.**

**נא להתקשר אל;** 072-257-3456 (ובארה"ב; **1-845-200-0443**) **או לשלוח למייל הנ"ל.**

**בברכת כתיבה וחתימה טובה בספרן של צדיקים אמתיים**

**ההדפסה וההפצה בעיר עוז לנו אומאן – ראש השנה תשע"ט, נתנדב ע"י;**

# מכון משיב לשואל

שאלות ותשובות בעניני עבודת השם עפ"י דעת קדשו של רביה"ק ציס"ע רבינו נחמן מ'ברסלב זי"ע

איר קענט שטענדיג רופן און לאזן א מעסעדזש אויף

**1-718-362-8870** (ארה"ק; 079-7040073)

ווי איר וועט בעזרת השם באקומען א צופרידנשטעלנדע ענטפער דורך אונזערע משיבים הי"ו, אויף סיי וואספארא אנפראגע בעניני עבודת השי"ת, על-פי די ספרים און תורות פונעם הייליגן רבי'ן ז"ל.

**ווי אויך קענט איר דארט געפונען א ברייטע אויסוואל פון פריער-רעקארדירטע תשובות אויף פארשידענע מיני נושאים, מסודר לויט די ענינים, און נאך...**

**שמעו ותחי נפשכם!!!**

הפרסומת הזה נתנדבה לזכות האברך היקר מאנ"ש הזקוק לרחמי שמים

**~ אברהם בן רבקה הענא ~**

לרפואה שלימה בתוך שאר חולי ישראל

**ווען איר גייט צו צום הייליגן ציון, ביטע לייגט צו א הארציגע תפלה לרפואת חברינו היקר הנ"ל.**